בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת וירא תשע"ג** גליון 194 [שנה ד']

וַיֵּרָא אֵלָיו ה' בְּאֵלֹנֵי מַמְרֵא: (י"ח א) זאגט רש"י לבקר את החולה. דארף מען פארשטיין אז אין די פריערדיגע פרשה שטייט וְכָל־אַנְשֵׁי בֵיתוֹ יְלִיד בָּיִת וּמִקְנַת־כֶּסֶף מֵאֵת בֶּן־נֵכָר נִמֹּלוּ אִתּוֹ: (י"ז כ"ז) און רמי בר חמא זאגט אז דער אויבערשטער איז געקומען יום שלישי למילתו, איז לכאורה שווער פארוואס האט דער אויבערשטער נישט געגאנגען מבקר חולה זיין די אנדערע וואס האבן זיך געמלה'ט? און פארוואס האט דער אויבערשטער געשיקט א מלאך אויסהיילן אברהם און נישט די אנדערע? נאר אין די גמ' (ב"ב ט"ז.) שטייט רבי שמעון בן יוחי זאגט אבן טובה היתה תלויה בצוארו של אברהם אבינו, א טייערע שטיין איז געווען אנגעהאנגען אויפן האלדז פון אברהם אבינו און יעדער חולה וואס האט געקוקט אויף דעם, איז גלייך אויסגעהיילט געווארן, מיט דעם איז פארענטפערט, ווייל די אלע יליד ביתו האבן גלייך נאך זייער מילה געקוקט אויף די אבן טובה פון אברהם, און זענען גלייך אויסגעהיילט געווארן. אויב אזוי פארוואס האט אברהם נישט געקוקט אויפן שטיין און זיך געקענט גלייך אויסהיילן? נאר דאס איז דייקא געווען דער נסיון המילה, ווייל דאס איז נישט קיין קונץ צו פאלגן דעם אויבערשטן און זיך גלייך אויסהיילן נאך די מילה! אברהם האט געוואלט פילן די יסורין פון מילה און דאס מקבל זיין באהבה, וועגן דעם ווען דער אויבערשטער האט געזען אז אברהם האט עומד געווען אין דעם נסיון, און איז מקבל יסורין באהבה, דעריבער איז אים דער אויבערשטער געקומען מבקר חולה זיין. וועגן דעם איז גוט פארוואס נאר פאר אברהם איז געווען ביקור חולים און אויך געדארפט שיקן א מלאך נאר פאר אים. אבער אנשי ביתו האבן זיך גלייך אוסגעהיילט מיט די אבן טובה. (זרע שמשון)

וַיֵּרָא אֵלָיו ה' בְּאֵלֹנֵי מַמְרֵא: (י"ח א) פרעגן אלע מפרשים פארוואס שטייט נישט וירא צו אברהם? נאר מיר טרעפן עס שטייט וַיְדַבֵּר ה' אֵלָיו מֵאֹהֶל מוֹעֵד דרש'נן חז"ל, אֵלָיו למעט את אהרן, קען זיין פשט אזוי, ווייל זיין אלע בני ביתו האבן זיך געמלה'ט, פונדעסטוועגן איז דער אויבערשטער נאר געקומען צו אברהם אבינו, דאס מיינט אליו נאר צו אים. ווייל זיי האבן זיך נישט געמלה'ט לשם שמים נאר ווייל זיי האבן מורא געהאט אברהם זאל זיי נישט פארטראבן פון זיין הויז. מיט דעם איז גוט די פסוק "נִמֹּלוּ אִתּוֹ" פארוואס שטייט נישט עמו? נאר עס איז דא א חילוק צווישן אִתּוֹ און עִמּוֹ. אִתּוֹ מיינט מיט אים אבער נישט בלב שלם. דעריבער שטייט וילך אִתּוֹ לוט, לוט איז מיט געגאנגען מיט אברהם, נישט בלב שלם, נאר ווייל ער האט אים געוואלט ירשנ'ן.(כרם הצבי פארבער)

וַיִּשָּׂא עֵינָיו וַיַּרְא וְהִנֵּה שְׁלֹשָׁה אֲנָשִׁים נִצָּבִים עָלָיו: (י"ח ב') ברענגט רש"י ג' מלאכים: אחד לבשר את שרה ואחד להפוך את סדום ואחד לרפאות את אברהם ורפאל שריפא את אברהם הלך להציל את לוט. פרעגט תוספות, אויב א מלאך טוט נישט צוויי שליחות ווי אזוי האט רפאל געקענט טאן צוויי שליחות, אויסהיילן אברהם און ראטעווען לוט? ענטפערט תוספות אז רפואה און הצלה איז איין שליחות. אבער באמת איז שווער, דער אויבערשטער איז געקומען צו אברהם און ער איז דער רופא נאמן, פארוואס האט רפאל געדארפט קומען אויסהיילן אברהם? נאר דאס פארענטפערט די אנדער קשיא: ווייל באמת אברהם אבינו וואלט זיך געקענט אויסהיילן פון דעם אויבערשטן, נאר ווייל ער האט געוואוסט אז מלאכים קומען און בתוכם איז רפאל, האט ער געוואלט מהנה זיין רפאל וואס ער איז דער מלאך פון רפואה ער זאל איהם אויסהיילן. ממילא איז רפאל באמת געקומען צו ראטעווען לוט אבער אז ער איז שוין געווען האט ער אויסגעהיילט אברהם. איז פארענטפערט די קשיא פון תוס' "אין מלאך עושה שתי שליחות". ווייל רפאל איז געקומען נאר וועגן איין שליחות צו ראטעווען לוט ודו"ק. (שמח זבולון המו"ל)

וַיִּקַּח בְּיָדוֹ אֶת־הָאֵשׁ וְאֶת־הַמַּאֲכֶלֶת וַיֵּלְכוּ שְׁנֵיהֶם יַחְדָּו:(כ"ב ו') שטייט פון הייליגן ר' יונתן אייבישיץ זצ"ל אז אברהם אבינו מיט גענומען צו די עקידה צוויי זכותים כדי ער זאל מצליח זיין. איינס איז דער זכות "האש", וואס ער איז אריין אין כבשן האש. און אויך "המאכלת", א לשון פון אכילה, דאס איז זיין הכנסת אורחים, און מיט די זכותים וַיֵּלְכוּ שְׁנֵיהֶם יַחְדָּו, איז ער מיט געגאנגען צו די עקידה. (ליקוטי יהושע שיינפלד)

וַיִּשָּׂא אַבְרָהָם אֶת־עֵינָיו וַיַּרְא וְהִנֵּה־אַיִל אַחַר נֶאֱחַז בַּסְּבַךְ בְּקַרְנָיו וַיֵּלֶךְ אַבְרָהָם וַיִּקַּח אֶת־הָאַיִל:(כ"ב י"ג) זאגט רש"י די איל איז געווען מוכן פון ששת ימי בראשית. איז שווער פארוואס איז די איל געווען אנגעכאפט אין די בוים, עס וואלט זיך געדארפט באווייזן פאר אברהם אז עס איז גרייט צו מקריב ווערן? נאר עס שטייט אין מדרש אז די שטן האט געטאהן אלעס צו פארדרייען אברהם אבינו מיט פארשידענע מכשולים, ווען אברהם וואלט געזען די איל וואס איז מוכן און עס שטייט גרייט אן קיין מכשולים מוז דאס זיין פון דעם שטן, ווייל ער מאכט פאר א מענטש אז אלעס איז גלאטיג און גלייך, אבער יעצט אז די איל איז געווען נאחז בסבך בקרניו, און עס איז נישט גלאטיג, איז דאס א סימן אז עס איז נישט פון שטן נאר פון אויבערשטן, דעריבער וַיֵּלֶךְ אַבְרָהָם וַיִּקַּח אֶת־הָאַיִל, ווייל דאס איז דער רצון הבורא. (ליקוטי יהושע שיינפעלד)

וַה' אָמָר הַֽמְכַסֶּה אֲנִי מֵֽאַבְרָהָם אֲשֶׁר אֲנִי עֹשֶׂה: כִּי יְדַעְתִּיו לְמַעַן אֲשֶׁר יְצַוֶּה אֶת־בָּנָיו: (י"ח י"ז–י"ט) פרעגט דער הייליגער חתם סופר וואס איז די שייכות הַֽמְכַסֶּה אֲנִי מֵֽאַבְרָהָם צו כִּי יְדַעְתִּיו? אויך איז שווער פארוואס איז נישט נתגלה געווארן צו אברהם אבינו וועגן סדום בנביאות אז דער אויבערשטער דארף איהם דאס אליין זאגן? נאר איינס ענטפערט דעם אנדערן, כדי צו האבן נבואה דארף מען האבן א שטארקע התבודדות, און דאס נעמט צייט צו טאן, און ווייל אברהם אבינו איז שטענדיג געווען פארנומען מיט מקרב זיין אידן און הכנסת אורחים, האט ער נישט געהאט צייט צו התבודדות צו באקומען נבואה, דעריבער שטייט הַֽמְכַסֶּה אֲנִי מֵֽאַבְרָהָם, איך–קוב"ה–מוז אים אליין דערציילן וועגן סדום, כִּי יְדַעְתִּיו לְמַעַן אֲשֶׁר יְצַוֶּה אֶת־בָּנָיו ווייל ער איז שטענדיג עוסק אין דעם, האט ער נישט צייט אויף נבואה דעריבער מוז מען אים אליין זאגן. (ליקוטי יהושע בשם חת"ם סופר) מיט דעם מהלך איז פארענטפערט א שטארקע קשיא וואס מיינע א קינד האט געפרעגט: עס שטייט א מלאך איז געקומען לבשר את שרה. דארף מען פארשטיין דער אויבערשטער האט אליין געזאגט פאר אברהם ווען ער האט געהאט א קינד וקראת שמו יצחק, פארוואס דארף מען א מלאך לבשר את שרה? אויך איז שווער פארוואס האט דער אויבערשטער געדארפט אליין מבשר זיין אברהם און נישט דורך נבואה? נאר לויטן הייליגער רייד פון חת"ם סופר איז גוט, ווייל אברהם איז געווען שטענדיג פארנומען מיט זיינע מצוות האט ער נישט געהאט צייט פאר נבואה, דעריבער האט דער אויבערשטער געקומען צו אים אליין אזוי ווי ביי סדום. איז ממילא אויב שרה וואלט זיך דערוואוסט דורך נבואה וואלט עס געווען א פחיתת כבוד צו אברהם, דעריבער האט מען איר געשיקט א מלאך לבשר זיין. (שמח זבולון– המו"ל)

ניש קוקן אין גליון אין מיטן דאווענען עס איז דא א צייט צו לערנען און א צייט צו דאווענען

# מדור העובדות

## הרה"ק ר' ישעי' קערעסטיר זצוק"ל ברענגט צוריק א אידישע נשמה און גיט אים צוריק זיין פרנסה

ר' פישל שמעלצער איז געווען אליין בחור אין בודעפעסט אין א שפיטאל, און דארטן איז געווען א איד א זקן וואס האט געהאט מיט זיך א פאק פון פאסט קארטלעך וואס ער האט באקומען פון הרה"צ ר' ישעי' מקערעסטיר זצוק"ל און האט דאס געהאלטען פאר א סגולה אז ער זאל זיך אויסהיילן פון זיין מחלה. האט איהם ר' פישל געפרעגט וואס איז געווען זיין שייכות צום ר' ישעי' אז ער האלט אזוי חשוב זיין בריוו? האט דער איד אנגעהויבן צו דערציילן זיין מעשה:

ער האט געוואוינט אין א קליין שטעטל און זיין פרנסה איז געווען פון א עסן געשעפט און געהאט שיין פרנסה פון דעם. ער אליין איז געווען ווייט פון אידישקייט אבער ער איז געווען פארמאכט שבת ווייל ער האט זיך געשעמט פון די אידישע איינוואוינער אבער אין שטוב האט ער גארנישט געהיטן. איינטאג האט א גוי געעפענט די זעלבע געשעפט לעבן איהם און עס איז נישט געווען פלאץ פאר צווי געשעפטן ווייל די גויים פון שטעטל זענען געגאנגען צום גוי און אזוי האט ער כמעט פארלוירן זיין פרנסה. ער איז געווארן זייער צובראכן און זיין חבר האט איהם געטראפן און פרעגט אים פארוואס ער איז אזוי צובראכן? האט ער דערציילט וועגן גוי. האט ער אים געזאגט איך בין א חסיד פון ר' ישעי' פון קערעסטיר וואס איז א טשאדע ראבינער און אפילו גויים ווערן געהאלפן ביי איהם ממילא וועט ער דיר אויך קענען העלפן.

איך בין געווען א שוואכער מאמין אין די תורה בכלל און א וודאי אין ראבינער'ס! אבער ער האט מיר געשטופט און איינגערעדט ביז איך האב מסכים געווען און איך בין געפארן קיין קערעסטיר דאנערשטיג פארנאכט. דארטן האט מען מיר געזאגט אז מען דארףווארטן ביז מען קען ארייגגיין צום רבין. דערווייל איז געווארן נאך האלבע נאכט און מען האט פארשפארט די טיר פון רבין ביז אינדערפרי. האט מען אויסגעשפרייט שטרוי אויפן ערד פון בית המדרש און אלע חסידים וואס זענען געקומען צום רבין האבן זיך געלייגט שלאפן אויף די שטרוי. איך בין געווען מיד פון די וועג האב איך זיך אויך געלייגט און אין א פאר שעה קומט א עלטערער איד און וועקט יעדן אויף און גיסט זיי נעגל וואסער.

איך האב נישט געוואוסט ווער איז דער רבי און וואס איז נעגל וואסער, האב איך אנגעהויבן צו שרייען אויף איהם לאז מיר שלאפן. האט מען מיר אנגעשריגן אז איך זאל האבן דרך ארץ פארן רבין, בין איך אויפגעשטאנען און געווארט ביז נאכן דאווענען צו קענען אריינגיין צום רבין. מען האט מיר געשריבן א קוויטל און איך האב געווארט ביז מען רופט מיר. ווען איך בין אריינגעגאנגען צום רבין פרעגט ער מיר "וואס איך האב געוואלט?" האב איך איהם דערציילט וועגן מיין פרנסה און וועגן דעם גוי. פרעגט מיר דער רבי "האט דער גוי א פערד?" "אוודאי האט ער א פערד" ענטפער איך, פרעגט מיר דער רבי "איז שוין דער גוי אמאהל געזעצן אויף א פערד?" "א וודאי", ענטפער איך! און איך וואונדער זיך צו דאס איז א טשאדא ראבינער וואס פרעגט מאדנע שאלות וועגן פערד! דער רבי ווינטשט איך זאל מצליח זיין און נישט מורא האבן פון דעם גוי! דער רבי האט מיר געזאגט: היות עס איז נאנט צום שבת און אויב איך וועל פארן וועל איך מחלל שבת זיין, האט דער רבי מיר געהייסן און שטרענג געזאגט:"ניין! דו פארסט נישט, דו בלייבסט דא אויף שבת!" איך האב געזאגט וואס וועל איך שוין קענען דא טאן שבת, און איך האב נישט געהאט חשק צו שלאפן אויף די ערד, האט דער רבי האט מיר צוגעזאגט א גוטע געלעגער און גאר געשמאקע מאכלים, און איך בין געבליבן אויף שבת. דער רבי האט מיר זייער מקרב געווען און געזען עס זאל מיר גארנישט פעלן און אויך די עסן איז געווען זייער גוט. און איך האב באמת הנאה געהאט פון די שבת דאווענען און פון די טישן וואס האט מיר אנגעהויבן צו דערווארעמען מיין נשמה. מוצאי שבת האט דער רבי מיר געבעטן בלייבן אויף מלוה מלכה און איך בין געבליבן ביז צום סוף. די דברי תורה און ניגונים פון רבין האבן אריינגעקראכן ביי מיר אין הארץ און איך האב געפילט אז איך בין א נייע מענטש. נאכן מלוה מלכה האב איך זיך געזעגנט פון רבין און בין אהיים געפארן.

אנקומענדיג אהיים איז שוין געווען אינדערפרי און איך האב געהערט די גלאקן פון קלויסטער קלינגען אלץ סימן אז עס וועט היינט זיין א לויה. האב איך געפרעגט א גוי וועמענ'ס לויה וועט זיין? האט ער מיר געזאגט אז דער גוי וואס האט גאהאט די עסן געשעפט איז פרייטאג ארויף אויף זיין פערד און די פערד האט זיך צו-ווילדעוועט און אראפ געווארפן דעם גוי און איז געפאלן אויף זיין קאפ און תיכף געשטארבן. ווען איך האב דאס געהערט האב איך אויסגערעכנט אז דאס איז געווען פונקט די זעלבע צייט וואס דער רבי האט מיר געפרעגט די מאדנע שאלות צו די גוי האט א פערד? דעמאלטס האב איך מחליט געווען אז איך טו תשובה אינגאנצן און איך ווער א שומר תורה ומצוות. די געשעפט האט זיך צוריק אנגעהויבן צו בליען. איך בין געווארן א חסיד פון ר' ישעי'. יעדן חודש האב איך אים געשיקט געלט, און יעדן חודש האט דער רבי מיר צוריק געשיקט א פאסט קארטל מיט א ברכה און יישר כח.

האט אויסגעפירט דער אלטע איד: דאס איז די פאסט קארטלעך וואס דער רבי האט מיך געשיקט. די אלע ברכות פון רבין העלפן מיר כסדר אין מיינע שווערסטע צייטן זיע"א.

**א ענדליכע מעשה מיט א גוי**

דאס איז געווען ביים ריבניצער רבי זצוק"ל. א חסיד זיינער האט געהאט א געשעפט און דארט האט געארבעט א גוי אסאך יארן און דער איד איז געווען זייער שיין צו אים. איינמאל איז דער גוי געפאלן ערגעץ און געדארפט גיין אין שפיטאל. דער גוי האט געזוכט א געלעגענהייט צו רייסן יעצט געלט ביים איד און האט אים גערופן און געזאגט אויב דו גיסט מיר $50,000 איז גוט און אויב נישט וועל איך זאגן אז איך בין געפאלן ביי דיר און עס וועט דיר קאסטן טייער! דער חסיד האט נישט געוואוסט וואס צו טאן, איז ער שנעל געלאפן צום ציון פון הייליגן ריבניצער רבין אין מונסי, און אויסגעזאגט גאנץ תהלים און גוט אויסגעוויינט אז דער רבי זאל אים העלפן. מארגן אינדערפרי באקומט ער א טלפון פון די ווייב פון דער גוי אז איר מאן האט חרטה וואס ער האט נעכטן געזאגט און וויל ער זאל קומען צו אים אין שפיטאל און וויל אים איבערבעטן. דער חסיד איז שנעל געגאנגען אין שפיטאל און דער גוי בעט איבער זיין בעל הבית און האט חרטה. פרעגט אים דער חסיד וואס איז דא געשען? זאגט דער גוי אז די נאכט איז געקומען צו אים אין חלום א אלטער איד און האט מיר אנגעהויבן צו דערשטיקן און געזאגט אויב איך וועל נישט אפלאזן מיין חסיד גיי איך דיר דערשטיקן. און מיר שטארק געווארנט אויב איך וועל דאס נישט טאן גלייך אינדערפרי. האט דער חסיד געזען ווי דער רבי האט אים געהאלפן זיע"א. (מפי ר' יצחק תהלים)

זכות הגליון להר' אברהם לעווישטיין נ"י על עזרתו בההדפסה. ולהילד אהרן בן רחל חנה לרפואה שלימה

*[זוכט איר פאר אייער קינד א מומחה אין קריאה רופט 347 678 0025]*

## **** אינטרעסאנטע ענינים ****

**הערות אויף די פרשה**

1] שטייט וַיִּשָּׂא עֵינָיו וַיַּרְא: (י"ח ב) פארוואס דארף שטיין וַיִּשָּׂא עֵינָיו? 2] שטייט דארטן וַיַּרְא וַיָּרָץ לִקְרָאתָם: אויב די מלאכים זענען אוועק געגאנגען פון אברהם וואלט געדארפט שטיין וַיָּרָץ אַחֲרֵיהֶם. 3] שטייט (כ"ב י"ג) וַיִּשָּׂא אַבְרָהָם אֶת־עֵינָיו וַיַּרְא וְהִנֵּה־אַיִל אַחַר נֶאֱחַז בַּסְּבַךְ בְּקַרְנָיו וַיֵּלֶךְ אַבְרָהָם וַיִּקַּח אֶת־הָאַיִל: ערשטנ'ס: פארוואס שטייט דא "וַיִּשָּׂא אַבְרָהָם אֶת־עֵינָיו"? קען דאס אפשר זיין א דמיון צו וַיִּשָּׂא עֵינָיו וַיַּרְא! צווייטנ'ס: פארוואס שטייט וַיֵּלֶךְ אַבְרָהָם וַיִּקַּח אֶת־הָאַיִל: וַיֵּלֶךְ מיינט געגאנגען נארמאל, פארוואס שטייט נישט וַיָּרָץ אַבְרָהָם בזריזות וַיִּקַּח אֶת־הָאַיִל?

מזל טוב לר' אשר אלתר גליבראון נ"י להולדת הנכדים. לר' אפרים אהרן נ"י בהרה"ח ר' יומן שליט"א בר"י פלטשיק להולדת הבן, לש"ב הר"ר צבי הירש הלוי קליטניק נ"י להולדת הבת למחתנו ר' אליעזר קאופס נ"י לייקוואוד. ולהסבא דודי הרה"ח ר' מאיר הלוי קליטניק נ"י ולר' אלי' קאופס נ"י פאלסבורג.


*הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים גם שהיו שייך לצדיקים ולכתבי יד של רבנים ואדמורי"ם*

*וחידושי תורה בכתב יד* אויך קענט איר קויפן אלטע מטבעות ביי אונז און חמש סלעים פאר פדיון הבן *נייע ספרים אנגעקומען:*

*מיר האבן דער גרעסטער אויסוואל פון ספרים* **Hours are 11-7:30 T/f 718 633 5500 718 438 8414 4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA**

*שאינם בנמצא קומט אריין און צייגט זיך איבער*


**נישט קוקן אין גליון אין מיטן דאווענען עס איז דא א צייט צו לערנען און א צייט צו דאווענען**